# פרשת תצא

## בס"ד. משיחת ט"ו בשבט ה'תשמ"א.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ס'איז דאָך ידוע אויך די דוגמא וואָס נשיא דורינו האָט געזאָגט, בשעת מ'האָט ביי אים געפרעגט די שאלה, אַז בשעת ער שטורעמט "לאלתר לתשובה ולאלתר לגאולה", און טייטשט אָפּ, אַז "לאלתר" מיינט מען טאַקע בפשטות אינגיכן – וביחד עם זה פאַרפירט ער זיך מיט תכניות – מיט פלענער – פון בויען ישיבות און בויען בנינים או מחנך זיין קינדער, וואָס דאָס דאַרף נעמען כמה שנים, [לויט דעם מצב פון גלות, ווארום דערנאָך וועט דאָך דאָס איבערנעמען משיח].

האָט ער אויף דערויף געענטפערט, אַז כבר הי' לעולמים. וואָס (ס'איז אַ פסוק) מקרא מלא דיבר הכתוב אין חומש, אַז בשעת מ'האָט געגאַנגען אין "מדבר העמים", איז מען דאָך געגאַנגען מיטן משכן, און דערנאָך איז געווען, אַז מ'איז געגאַנגען צו אַ מסע שני, אין אַ צווייטן אָרט, האָט מען אים געדאַרפט פאַנאַנדערנעמען, און דערנאָך צוריק אויפשטעלן במקום וואו ס'איז געווען דער "ויחנו" פון דעם "ויסעו",

זאָגט ער אין חומש בפירוש, אַז ס'איז געווען אַזאַ מין "ויחנו" וואָס ווי רש"י טייטשט דאָס אָפּ איז מען דאָרט געווען ח"י שנים, אַכצן יאָר נאָכאַנאַנד אויפן זעלבן אָרט, איז פאַרשטאַנדיק די גאַנצע טירחא, מיט אויפשטעלן מיטן גאַנצן שטורעם שבדבר.

דערנאָך זאָגט ער אין חומש, אַז ס'איז געווען אַזאַ מין מסע, אַז ס'איז געווען מערניט מ'איז געקומען בבוקר און דערנאָך איז מען אַוועקגעגאַנגען בערב, צי בערב און מ'איז אַוועקגעגאַנגען בבוקר, אָדער "יומם ולילה ויסעו".

זעט מען דאָך, אַז צוליב איין נאַכט, אָדער צוליב איין מעת-לעת – האָט מען געמאַכט דעם גאַנצן אויפשטעלן דעם משכן, "דאיקרי מקדש", מתחילתו ועד סופו, מיט די אַלע דיוקים – פונקט ווי אין דעם אופן ווי ער איז געווען אויפגעשטעלט אין דעם אָרט וואו מ'איז געווען ח"י שנים, אין מדבר קדש!

וואָס אַזוי איז אויך בנוגע לעניננו, אַז משיח קומט "נאַו", אָבער אעפ"כ דאַרף אַ איד טאָן יעדער רגע וואָס ער האָט נאָך אין דעם זמן הגלות מיטן גאַנצן שטורעם און מיטן גאַנצן פאַרנעם און מיט דער גאַנצער ברייטקייט, [און מ'גיט אים כח אויף צו טאָן אין אַזאַ מין אופן], אויף אַריינציען האנשים והנשים והטף, כאמור לעיל: יעדער אינגעלע – אַלע אינגעלעך צו וועלכע ער קען דערגרייכן, און יעדער מיידעלע – אַלע מיידעלעך צו וועלכע (ער) [זי] קען דערגרייכן,



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצא

ואדרבה, דאָס ברענגט – אין דעם "נאו" גופא קען דאָך זיין מיט אַ סעקאָנד פריער, מיט אַ רגע פריער; דורך דערויף וואָס מ'וועט טאָן אין אַזאַ מין אופן – וועט דער "נאו" זיין מיט אַ רגע פריער.

און די טענה, אַז לאחרי וואָס מ'איז אין גלות ניינצן הונדערט יאָר, איז וואָס שפּילט דאָס אַ ראָליע נאָך אַ רגע, און וואָס צוליב דערויף דאַרף מען זיך שטערן אין שלאָפן, און אין שפּילן זיך, און עסן כשר'ע קענדי וכיוצא בזה –

איז מען מסביר דעם קינד, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט אים צוזאַמען אין גלות, און דער אויבערשטער איז אַ מלך מלכי המלכים הקב"ה, און ער האָט "אלף אלפים ישמשוני' וריבוא רבבן קדמוהי יקומון", איז אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אין גלות – געפינען זיך דאָרטן אלף אלפי אלפים מלאכים וריבוא רבבות מלאכים!

– און דערנאָך, אַז מ'וועט נאָך מסביר זיין דעם קינד וויפל דאָס קומט אויס ריבוא רבבות אין פּעניס – וועט דאָס אויסקומען, אַז אפילו דער "טרעזשורער" פון וואַשינגטאָן, פון דעם "אדון הגדול", האָט ניט אַזויפיל ריבוא רבבות ואלפי אלפים פּעניס וויפל דער אויבערשטער האָט מלאכים!

און זיי אַלע געפינען זיך אין גלות!

און יעדער רגע איז דאָס ניט איין רגע – דאָס איז אַ רגע פון "שכינתא בגלותא", דאָס איז אַ רגע פון יעדער מלאך, במילא ווערט דאָס אלפי אלפים רגעים פון די "ישמשוני'" און ריבוא רבבן רגעים פון די וואָס "קדמוהי יקומון",

נוסף אויף דערויף וואָס דאָס נעמט אַריין זיין פאָטער און זיין מוטער און זיין ברודער און זיין שוועסטער, אָדער איר פאָטער און איר מוטער און איר ברודער און איר שוועסטער.

דערנאָך איז מען נאָך מוסיף, אַז מ'זאָל וויסן זיין, אַז כל-זמן אָט דער אינגעלע און די מיידעלע גייען ניט אַרויס פון גלות – איז אַלע נשמות פון אַלע אידן פון משך כל הדורות כולם געפינען זיך איצטער אין גלות!

– דאָס איז ניט דער פשט, אַז די אידן וואָס האָבן געלעבט בזמן הבית האָט זיי דער גלות ניט אָנגערירט – דאָס איז היפך ווי תורת אמת זאָגט. תורת אמת זאָגט, אַז בשעת ס'איז געווען "נתרחקנו מעל אדמתינו", און בשעת ס'איז געווען "גלינו מארצנו" – איז געוואָרן אַ הסתר און העלם אלקות בכל העולמות כולם!



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצא

– ס׳איז קיין סתירה ניט פון דעם סיפור הידוע, געדרוקט פון ר׳ הלל פאַריטשער, אַז באַ ר׳ שמעון בן יוחאי איז קיין גלות ניט געווען, וואָרום ביי אים איז געווען למעלה מכל ענין החורבן, אָבער אף על פי כן איז דאָך אַ דבר ברור, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי (האָט געעסן) האָט זיך געפירט תשעה באב אין די מנהגי תשעה באב; געפאָרן אין רומי כדי מבטל זיין גזירות פון מלכות רומי הרשעה, און האָט זיך געמוזט באַהאַלטן (אין) [שלא כדרך הרגיל; אין גלות גופא – גלות בתוך גלות], פריער צוועלף יאָר אין מערה, און דערנאָך אַ דרייצנטן יאָר אין מערה, און זי רופט דאָס בפירוש אָן אַז דאָס איז צער מערה – אַן ענין של גלות.

ועל דרך זה אַז מ׳זאָגט (אנכי) ״גלו לבבל שכינה עמהם״, ״(אנכי עמהם) [עמו אנכי] בצרה״ – איז דאָס ״אנכי״ איז ״עמהם בצרה״: העכער פון אלקים און העכער פון הוי׳ – ״אנכי״ דלא אתרמיז לא בשום אות ולא בשום קוץ.

וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז ס׳וועט קומען מיט איין און איינציקע רגע פריער – איז דאָס אַ זמן ארוך ביותר – בכמות, עאכו״כ ווי דער ענין איז באיכות.

וכאמור, אַ קינד וועט גאָר ניט פרעגן די קשיא.

וואָס אין כאן המקום להאריך אין אַן ענין ווי אַזוי די קינדער זיינען העכער (כ״ק אד״ש צחק והמשיך:) פון זייערע עלטערן – זיי קענען דאָס נעמען און אָפּלערנען דערפון ווי אַזוי ס׳דאַרף זיין אין ״כבד את אביך ואת אמך״, און אין דערויף פועל זיין באַ זיי ״נעשה״ קודם ל״נשמע״ – איז גלייכער אַז זיי זאָלן ניט האָבן דעם אריכות הביאור בזה, און זיי זאָלן גלויבן און האַלטן פון דעם טאַטן און פון דער מוטער, אַז דער פאָטער איז דאָס דוגמת פון אבינו שבשמים כביכול, און די מוטער איז דאָס בדוגמא פון כנסת ישראל, און זיי זיינען די קינדער וואָרום ״זכו״ איז ״שכינה שרוי׳ ביניהם״ פון דער איש ואשה.

וואָס דאָס איז בכללות אָט די נקודה, וואָס זיכער וועט מען זיי דאָס מסביר זיין, און אין שפת המדינה, און אין אַנדערע מדינות – אין יענע שפות ולשונות, ״כפטיש יפוצץ סלע״,

און דער עיקר – אַז ס׳זאָל זיין ״אפילו אם ברזל הוא נימוח״, און ״אם אבן הוא מתפוצץ״, עאכו״כ אַז חס ושלום צו חשד זיין אַ אידן אַז ער האָט אַ יצר-הרע כברזל און אַ יצר-הרע כאבן; מ׳איז אַזוי שוואַך בגשמיות – אַז אפילו דער יצר-הרע איז שוין אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרן,

מ׳דאַרף אים מערניט ווי ניט צולאָזן צו ״אויפהויבן די קאָפּ״,

און דער עיקר איז – דער ״המעשה הוא העיקר״, אַז די קינדער זאָלן דאָס טאָן אין די אַלע ענינים



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תצא

האמורים ועוד כהנה וכהנה,

און גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו ״נאַו״,

בשמחה ובטוב לבב.

לחיים.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.